THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
AUG 10 1931
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

וועטער:
קלאר און ווארים

The Only Jewish Newspaper in Western Canada Established 1910 PUBLISHED DAILY

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST

THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 4.58
זון אונטערגאנג — 8.09

די איינציקע אידישע צייטונג אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 21. No. 178. Winnipeg, Tues. Aug. 4, 1931.

Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג

דינסטאג, כ"א אב, תרצ"א.

סעסיע פון פארלאמענט געשלאסן נעכטן

אנב-אורחא

פון מארק

צוריק פון דאטשע

איר האט מסתמא געהערט די מעשה:

אמאל איז געקומען א איד צום רופא מיט א שרעקלאכן בויך־ווייטיק.

רייסט זיך דער חולה אויף די גלאטע ווענט, און קארטשעט זיך פון ווייטיק. ער שרייט נעבאך מיט באנומענע קולות: "גוואלד, דער בויך!"

וואס זשע טוט דער רופא? ער הויבט אים אן גיסן הייסע, צעשמאלצענע טריוואקס אויפ'ן קאפ.

און — עס האט געהאלפן... דער חולה האט אויפגעהערט שרייען "אוי, מיין בויך", און האט אנגעהויבן שרייען "אוי, מיין קאפ".

* * *

אויב איר זייט א איד וואס פארט נעבאך אויף דער "דאטשע", וועט איר לייכט פארשטיין דעם נמשל.

מסתמא האט איר זיך גוט אויסגעמוטשעט פאר'ן יאר, און איר פילט זיך נעבאך צעבראכן אויף אלע אברים.

ווילט זיך אייך רו, אביסעלע רו פון ארבעט, פון דאגת פרנסה, פון ווייב, פון די שרייערלאך וואס לאזן אייך ניט אפכאפן דעם אטעם ווען איר קומט אין אוונט אהיים פון דער ארבעט.

פארלאזט איר אויף א פאר וואכן אייער היים און פארט אוועק אין די ווילדערנישן פון וויניפעג ביטש, אדער (נאך ערגער) — גימלי, צו זוכן רו און פארגעסעניש.

און — איר געפינט נייע צרות און אומבאקוועמלאכקייטן, אז איר פארגעסט טאקע אויף אלע אייערע אלטע צרות און ווייטיקן...

* * *

אויב איר זייט א איד וואס פארט נעבאך אויף דער "דאטשע", דארף איך אייך דאך ניט דערציילן וואס "גלות דאטשע" הייסט.

איר ווייסט דאך גאנץ גוט פון די בארימטע דאטשע בעטן, מיט די ספעציעלע מאטראצן אנגעשטאפט מיט קליינע שטיינדלאך און מיט א לאך אין די סאמע מיטן, דורך וועלכער איר קומט אין דירעקטער בארירונג מיט דער מוטער־ערד: זיי מוזן אייך גוט אריין אין די ביינער, ווייל איר מוזט זיך דאך אויף זיי וואלגערן אמווייניקסטנס א צוועלף שעה א טאג.

אייך איז באקאנט דער אוונטדיקער חושך, קעגן וועלכן די קליינע, רויכערדיקע קעראסין לעמפלאך זיינען הילפלאז, — די עלעקטרישע באלייכטונג אין וויניפעג ביטש און אין גימלי איז נאך דערווייל מער טעאריע, ווי פראקטיק...

און אייך זיינען ניט פרעמד אלע אנדערע באקוועמלאכקייטן צו וועלכע איר זייט איינגעוואוינט געווארן, מיט וועלכע איר האט זיך איינגעלעבט, און וועלכע עס פעלן אייך דארטן.

* * *

און זיכער האט איר אויך געהאט די דערפארונג פון אזעלכע טעג אין ביטש אדער אין גימלי, ווען דער צפון הויבט אויף אייך אן אטעמען מיט שניידנדיקער קעלט, ווען די הימלען באציען זיך מיט גדיכטע, בלייענע וואלקנס און צעוויינען זיך, — און עס גיסט און גיסט אן א סוף און אן אן אויפהער.

אויב עס איז א טרוקענער יאר, וועט די טריקעניש מסתמא אויספאלן פונקט אין מאי און בכלל אין דער צייט וואס איר זייט נאך ניט גרייט צו פארן אויף דער "דאטשע". אז ניט קאנט איר נא דפארגעסן, אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט...

און אז עס רעגנט און ס'איז קאלט, דאן דארף מען אייך ניט דערציילן וואס עס הייסט "דאטשע". איר ווייסט גאנץ גוט, אז איר דארפט דאן צוריקבלייבן וואו נאר איר האט עפעס א שמאטע, — אן אלטן מאנטל, א סוועטער, א העקל, — איינטוליען זיך אין דער לאך פון אייער מאטראץ און דרייען זיך פון איין ווייטיקדיקן זייט אויפ'ן צווייטן, ביז דער השם יתברך וועט זיך אויף אייך מרחם זיין און וועט אפשטעלן דעם מבול.

אויב איר האט אין בעט א מיטשלאפער, איז נאך נישקשה: דאן קאנט איר נאך פארווייילן זיך מיטן ספארט פון ווער וועמען וועט ארויסשטויסן פון דער לאך פונ'ם מאטראץ...

* * *

מילא, אויסרעכענען אייך אלע מעלות פון דער "דאטשע" וואלט גענומען צופיל צייט און פלאץ.

אבער איך האלט פארט פון "דאטשע", און איך פאר זיך אלע יאר אפקומען מיינע פאר וואכן אויף דער "דאטשע".

עס דערעסט דאך פארט דאס שטענדיקע בויך־ווייטיק, און אויב מיר, קבצנים, קאנען אינגאנצן ניט באפרייען זיך פון ווייטיק, איז אביסל קאפ־ווייטיק, וואס מאכט אייך אויף א ווײַלע פארגעסן אייער בויך־ווייטיק, א גאנץ גוטע ענדערונג.

און אט בין איך, ווי איר זעט, צוריק פון "דאטשע", — אן אויסגעמוטשעטער, אבער אויף א נייעם שטייגער.

(שלוס אויף דער לעצטער זייט)

אידן באשולדיקט פאר פינאנציעלע סקאנדאלן אין פראנקרייך

טוניסער קאטוילישע צייטונג פול מיט אנטיסעמיטישע העצעס. — פלאקאטן אין די גאסן פון אלזשיר רופן פראנצויזן "ניט צו לאזן זיך באהערשן פון די אידן"

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

טוניס, צפון אפריקע, אווג. 4 (איטא).— די היגע טעגלאכע קאטוילישע צייטונג "טוניזי פראנסעז" האט אנגעפאנגען א גיפטיקע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, וואס באאומרואיקט די אידישע באפעלקערונג.

דער קאטוילישער ארגאן באשולדיקט די אידן אין די לעצטע פינאנציעלע סקאנדאלן אין פראנקרייך, און ער ווארנט די אידן, אז זייער האנדלונג וועט פירן צו אן אויסברוך פון אנטיסעמיטיזם אין פראנקרייך.

די צייטונג דערקלערט, אז די אידן האנדלען אין דעם פאל באוואוסטזיניק, "מיטן צוועק צו קאמפראמענטירן די קאטוילישע פאליטישע פירער, פארוויקלענדיק זיי אין פינאנציעלע סקאנדאלן, און אזוי שפילן אויף די הענט פון די סאציאליסטן, וועלכע זיינען איינגנטלאך די זעלבע אידן".

די אלזשירער אפטיילונג פונם "פאר־איין צו באקעמפן דעם אידישן איינפלוס" האט נעכטן געמאכט זיין ערשטן עפנטלאכן ארויסטריט, מיט אנטיסעמיטישע פלאקאטן צעהאנגען איבער די גאסן פון שטאט. אין די פלאקאטן ווערט "די לאטיינישע מערהייט" אויפגעפאדערט "ניט צו לאזן זיך באהערשן פון א חוצפה'דיקער מינדערהייט, וועלכע האט פארכאפט אין אירע הענט די אינדוסטריע און קאמערץ און באצוועקט צו באנוצן איר מאכט פאר דער אונטערדריקונג און פארשקלאפונג פון דעם פאלק".

די ליבעראלע פרעסע פון צפון אפריקע האט אבער גענומען א געהעריקע שטעלונג קעגן די אנטיסעמיטישע העצעס, און זי פארדאמט אין די שארפסטע ווערטער די פארשפרייטונג פון ראסן־האס.

אויסגאבע פון ה. גרינבערגס ווערק אפגעלייגט אויף איניקע וואכן

ווי ס'איז דא באקאנט אין געוויסע קרייזן, האט מר. ב. בארדען אונטערגענומען דא די גרויסע ארבעט ארויסצוגעבן דא אין וויניפעג די ווערק פונ'ם באוואוסטן לעקטאר, דיינקער און פובליציסט, חיים גרינבערג.

די אויסגאבע פון די דאזיקע ווערק האט זיך שוין געדארפט, לויט די פריערע אנגעצייכנטע פלענער, אנפאנגען (אין דער דרוקעריי פון "דאס אידישע ווארט"). ליידער האט זיך אבער דער ענין אביסל פארצויגן צוליב דער באדויערנסווערטער קראנקהייט פון ה. גרינבערג.

לויט א טעלעגראמע וואס מר. בארדען האט געקראגן פון גרינבערגן, האט ער מיט א צוויי וואכן צוריק דורכגעמאכט אן ערנסטע אפעראציע אויפ'ן האלז, און איצט ערהאלט ער זיך פון זיין קראנקהייט. מר. בארדען דערווארט דערפאר, אז די ארבעט וועט קאנען אנגעפאנגען ווערן אין א פינף־זעקס וואכן ארום.

פרעמיער בענעט האלט ביי אויפגעבן פינאנץ פארטפעל

אטאווא, אווג. 3.— עס איז וואורשיינלאך אז די קומענדיקע סעסיע פונם פארלאמענט וועט געפינען אן אנדער אנפירער פונם פינאנץ דעפארטמענט אויף זיין ארט, — האט פרעמיער בענעט דערקלערט נעכטן אין הויז פארן שלוס פון דער סעסיע.

מר. מאקענזי קינג, פירער פון דער אפאזיציע, האט בארירט די פראגע, אנפרעגנדיק, אויב דער פרעמיער פלאנעוועט וועלכע ס'איז קאבינעט ענדערונגען. פרעמיער בענעט, ווי באקאנט האלט צוויי פארטפעלן: פונ'ם פינאנץ און פונם אויסערן מיניסטער.

מר. קינג האט צוערשט געשטעלט די פראגע, אויב דער פרעמיער פלאנעוועט ניט, צו באשטימען א נייעם מיניסטער פון ארבעט, אויפן ארט פון סענאטאר ראבערטסאן. צוליב דער ערנסטער לאגע אין לאנד, האט ער געזאגט, וואלט עס געווען ווינשנסווערט, אז דער ארבעטס מיניסטער זאל זיין א מיטגליד פון הויז, און ניט פונם סענאט.

פרעמיער בענעט האט אבער געענטפערט, אז סענאטאר ראבערטסאן האט זייער פיל אויפגעטאן פארן יאר אין זיין אמט, און ס'איז א גאנץ געוויינלאכע זאך, אז א סענאטאר זאל זיין א מיטגליד פונם קאבינעט: אונטער לאריערס רעזשים זיינען געווען צוויי פאלן, וואס סענאטארן האבן פארנומען קאבינעט פאסטנס. די רעגירונג וועט דערפאר האנדלען אין דעם פאל אזוי ווי זי וועט געפינען פאר נויטיק.

שטח פארזייט מיט ווייץ אין ענגלאנד שטארק פארקלענערט

לאנדאן, אווג. 3. — די פארמערס פון ענגלאנד האבן דאס יאר פארזייט מיט ווייץ דעם קלענסטן שטח וואס איז ווען פארצייכנט געווארן אין דער געשיכטע.

לויטן באריכט פונ'ם מיניסטעריום פון אגריקולטור, איז דאס יאר פארזייט געווארן בלויז 11,970,000 אקער אונטער ווייץ, אין פארגלייך מיט 13,460,000 אין יאר 1930.

אבער דאס יאר 1930 איז געווען אויך איינס פון די נידעריקסטע אינ'ם שטח ווייץ פארזייט אין ענגלאנד, אזוי אז די קולטיווירונג פון ווייץ איז פאר די לעצטע פאר יאר שטארק געפאלן אין לאנד.

גלייכצייטיק איז אויך פארקלענערט געווארן דער שטח פארזייט מיט אנדערע תבואות. אן אויסנאם איז בלויז מיט קולטיווירטע גראז, דער שטח פון וועלכע איז פארגרעסערט געווארן.

דער צענזוס וואס איז ניט לאנג צוריק גענומען געווארן צייגט, אז די צאל אגריקולטורעלע ארבעטער אין ענגלאנד און אין וויילס איז פארקלענערט געווארן פאר די לעצטע צען יאר אויף 25 טויזנט.

"נאציס" רעדאקטאר פאר'משפט פאר גאט־לעסטערונג

האט געשריבן, אז אידישער גאט איז "א געשעפטסמאן"

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

בערלין, אווג. 4 (איטא).— פאר שרייבן אינם נאציאנאל־סאציאליסטישן ארגאן "העסישע פאלקסוואכט" אז יעהאווע, דער גאט פון די אידן, איז ניט קיין גאט, נאר "געשעפטסמאן", איז דער רעדאקטאר, וואלפגאנג בערגמאן, געפונען געווארן שולדיק אין גאט־לעסטערונג, און איז פאר'משפט געווארן צו צוויי חדשים טורמע. ער איז אויך פאר'משפ'ט געווארן צו באצאלן די הוצאות פונם פראצעס.

בערגמאן האט זיך פארענטפערט, אז ער אליין האט ניט געשריבן דעם באטרעפנדיקן ארטיקל, אבער דער ריכטער האט אים געהאלטן פאראנטווארטלאך פאר זיין דערשיינונג.

—(::)—

שריפה אין סאסקאטשעוואנער שטעטל

גרעי, סאסק., אווג. 4.— א שריפה פון אומבאקאנטע אורזאכן האט דא זונטאג אוונט פארניכטעט די דזשענעראל סטאר פון ל. ר. העם און האט צעשעדיקט די הארדווער פון סי. סי. גילים. דער שאדן באטרעפט בסך הכל ארום 11,500$, טיילווייז געדעקט מיט פארזיכערונג.

חנוכת־הבית פונ'ם בני־ברית קעמפ געעפנט לעצטן זומער, געפייערט דעם זונטאג

באטש דער נייער בני ברית זומער קעמפ פאר קינדער איז נאך געעפנט געווארן לעצטן זומער, איז אבער די עפענונג פארמעל געפייערט געווארן דעם זונטאג, מיט א באנקעט אינם קעמפ, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט ארום 150 מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע און געסט פון וויניפעג, און 16 ערן־געסט פון גרענד פארקס און מינאט, נארט דאקאטא.

ארום הונדערט קינדער זיינען געווען אין קעמפ בעת די פייערונג איז דורכגעפירט געווארן, — די גרופע וואס איז אנגעקומען אין קעמפ דעם זעלבן פרימארגן, לויט דעם געוויינלאכן פלאן. אן אינטערעסאנטע ספארט פראגראם איז דורכגעפירט געווארן פון די קינדער לכבוד דער פאסירונג, און די געסט האבן פיין פארבראכט.

דער באנקעט איז צוגעגרייט געווארן אין קיך פונם קעמפ גופא, און איז סערווירט געווארן אינם גרויסן עסצימער. דר. ס. ה. טשיורטשיל, פארזיצער פונם קעמפ קאמיטעט, האט אין א קורצער רעדע באגריסט די געסט און האט אנגעצייכנט די צילן פון דעם קעמפ. די נארט־דאקאטער געסט, האבן געענטפערט, לויבנדיק די גוטע ארבעט פון דער היגער בני־ברית לאדזש אויף דעם געביט.

די נארט־דאקאטער געסט האבן פארבראכט דעם "וואך ענד" אינם קעמפ און היינט פרי האבן זיי צוריקגעקערט זיך אהיים.

—(::)—

דריי נעגערס געטויט אין שיקאגער ראיאטן

שיקאגא, איל., אווג. 4.— דריי נעגערס זיינען דא נעכטן דער'הרג'עט געווארן און דריי פאליציסטן זיינען פארוואונדעט געווארן אין א ראיאט פון עטלאכע הונדערט נעגערס וועלכע האבן פראטעסטירט דערפאר וואס א נעגער פאמיליע איז ארויסגעווארפן געווארן פון דער דירה ווייל זי האט ניט געצאלט קיין רענט.

די נעגערס זיינען דערשאסן געווארן ווען זיי האבן אטאקירט די פאליציי מיט מעסערס און רעוואלווערן. א צאל נעגערס זיינען ארעסטירט געווארן. אלע פאליציי רעזערוון זיינען נעכטן אוונט מאביליזירט געווארן צו האלטן ארדענונג אין נעגער דיסטריקט.

—(::)—

ריכטער פון אויסטראליע געבעטן שניידן זייערע שכירות; איינציקע שטימען איין, אנדערע ניט

קאנבערא, אויסטראליע, אווג. 3.— די שכירות רעדוקציע עפידעמיע האט שוין אנגעהויבן אריינצודרינגען אין די הויכע פענסטער, און די ריכטער פון אויסטראליע וועלן מוזן מישפט'ן פאר א רעדוצירטן פרייז.

דערווייל האבן צוויי ריכטער פון אויסטראליער הויכן גריכט איינגעשטימט פרייוויליק צו רעדוצירן 25 פראצענט פון זייערע שכירות. איין ריכטער האט זיך אפגעזאגט צו שניידן זיין שכירות און זיבן אנדערע האבן נאך דערווייל ניט געענטפערט צי זיינען זיי וויליק, אז זייערע שכירות זאלן געשניטן ווערן.

פאלעסטינער רעוויזיאניסטן ווילן אפטיילן זיך פון ציוניסטן

דעלעגאטן צו רעוויזיאניסטישער קאנווענשאן אינסטרואירט צו שטימען פאר אפשפאלטונג. — פוילישע רעוויזיאניסטן דריקן אויס אומצופרידנקייט צו דער נייער ציון עקזעקוטיווע

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

ירושלים, אווג. 4 (איטא). — די פאלעסטינער דעלעגאטן צו דער רעוויזיאניסטישער קאנווענשאן וואס דארף אפגעהאלטן ווערן קומענדיקן דעצעמבער זיינען אינסטרואירט געווארן צו קעמפן אומבאדינגט פאר דער אפשפאלטונג פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע".

"דער באזעלער קאנגרעס", ווערט דערקלערט אין א רעזאלוציע אנגענומען ביי דער רעוויזיאניסטישער קאנפערענץ וואס איז נאר וואס אפגעהאלטן געווארן אין תל־אביב, "האט דערוויזן, אז די רעוויזיאניסטן האבן מער ניט קיין פלאץ אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכע האט מער ניט קיין רעכט צו רופן זיך ציוניסטישע".

די קאנפערענץ האט אויסגעדריקט פולשטענדיקע איינשטימיקייט מיט די מיינונגען פון וולאדימיר זשאבאטינסקי.

ווארשע, אווג. 4 (איטא).— די אל־פוילישע קאנפערענץ פון "ברית טרומפלדאר" (רעוויזיאניסטן), האט זיך דא געעפנט אין דער אנוועזנהייט פון 250 דעלעגאטן.

מ. פראפעס, וועלכער האט געהאלטן די עפענונג רעדע, האט דערקלערט, אז דער הויפט ציל פונ'ם "ברית טרומפלדאר" איז צו געפינען א וועג צו שאפן א אידישע מערהייט אין ארץ־ישראל.

הערשל פארבשטיין, מיטגליד פון דער אלוועלטלאכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, האט באגריסט די קאנפערענץ אינ'ם נאמען פון דער עקזעקוטיווע. ענטפערנדיק אויף פארבשטיינס באגריסונג, האט מ. פראפעס דערקלערט, אז די רעוויזיאניסטן האבן א נעגאטיווע באציאונג צו דער נייער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, כאטש זיי האבן צוטרוי צו פארבשטיינען פערזענלאך.

געזעלשאפטלאכער קאלענדאר

מיטוואך, אווג. 5

ארגאניזאציאנס פארזאמ. פון בר. 2 פוע"צ, 8.30 אוונט פונקט. וויכטיקע פראגן.

פרייטאג, אווג. 7

אלגעמ. פארזאמלונג פון הנוער העברי, 9 פונקט אין אייגענעם לאקאל. וויכטיקע פראגן.

—(::)—

הונדערטער דערטרונקען אין פארפלייצונג אין האנקאו

האנקאו, כינע, אווג. 3. —הונדערטער כינעזער זיינען היינט דערטרונקען געווארן ווען א דאמבע וואס האט פארהאלטן די וואסער פון א טייך ארום שטאט איז צעריסן געווארן און האט פארפלייצט די גאסן צו א טיפקייט פון פיר פוס.

די צאל אומגעקומענע קאן דערווייל ניט אפגעשאצט ווערן, אבער עס איז זיכער, אז הונדערטער נפשות זיינען דערטרונקען געווארן אין די ארימערע קווארטאלן פון שטאט. האנקאוו איז פולשטענדיק אפגעשניטן געווארן פון דעם ארומיקן געגנט און די שפייז פראבלעם ווערט ערנסט. די דאמבע איז פארפלייצט געווארן ווי א רעזולטאט פון די שווערע רעגנס וואס זיינען דא לעצטנס געפאלן.

—(::)—

"מאן אן א לאנד" שווימט אפ אויף זיין "אייביקער רייזע" איבער'ן ים

באסטאן, מאס., אווג. 4.— די שיף "ווינאנא קאונטי", איז נעכטן אפגעשוואומען פון באסטאן מיט אן אומצופרידענעם פאסאזשיר, א מענש אן א היים, וועלכער וואנדערט שוין ארום פינף וואכן אויפן ים און ער האט ניט פאר זיך קיין פלאץ אויף דער יבשה. פיטער ראסעל איז זיין נאמען.

גרויס בריטאניע זאגט אז ער איז א בירגער פון די פאראייניקטע שטאטן. אנקל סעם זאגט, אז ער איז א שאטלענדער, און אזוי שווימט ער ארום צווישן די פאראייניקטע שטאטן און ענגלאנד און וועלכע עס איז אויסזיכטען פטור צו ווערן פון ים.

פוילישע רעגירונג נעמט אן מיטלען אז פוטבאל גיימס זאלן ניט פארוואנדלט ווערן אין אנטיסעמיטישע אויסברוכן

ווארשע, אווג. 4 (איטא).— די פוילישע רעגירונג האט אנגענומען מיטלען צו זען, אז פוטבאל שפילן און אנדערע ספארט־שפילן זאלן ניט פארוואנדלט ווערן אין אנטיסעמיטישע אויסברוכן, ווי דאס איז געווען דער פאל אין זלאטשעוו, ראדאם, לובלין, דאמבראווע און סאסנאוויץ.

דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג איז געווען וואס די רעגירונג האט ארויסגעשיקט א צירקולאר צו אלע ספארט־קלובן אין לאנד, אנווייזנדיק איינצעלהייטן וואס זאלן רעגולירן די זיכערקייט און פארמיידן אומרוען ביי די אטלעטישע קאמפן.

אין דער זעלבער צייט האט אויך דער פארבאנד פון פויליש־ספארט קלובן באשלאסן אנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן א ווידערהאלונג פון אנטי־אידישע ראיאטן בעת די ספארט שפילן. די עקזעקוטיווע פון דעם ספארט פארבאנד האט אויסגעארבעט א פלאן פאר דעם באשטראף פון יענע, וואס וועלן זיין פאראנטווארטלאך פאר אזעלכע ראיאטן.

קיין אידן פארוואונדעט בעת פוטבאל שפיל ראיאטן אין לובלין

ווארשע, אווג. 4 (איטא).— אן אויספארשונג וואס איז געמאכט געווארן וועגן די אנטי־אידישע ראיאטן, וואס זיינען די וואך פארגעקומען בעת א פוטבאל שפיל אין לובלין, האט פעסטגעשטעלט, אז קיין אידן זיינען דערביי ניט פארוואונדעט געווארן. איז דא היינט דערקלערט געווארן.

די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז עס זיינען בעת די ראיאטן צעשלאגן געווארן בלויז עטלאכע אידן.

ווארשעווער שטאט־ראט שטעלט אפ סובסידיעס פאר זומער קאלאניעס פון אידישע קינדער

ווארשע, אווג. 3 (איטא).— דער ווארשעווער שטאט־ראט האט היינט געלאזט וויסן דעם פארבאנד פון אידישע קינדער־שולן, אז עס קאנען מער ניט געגעבן ווערן קיין סובסידיעס פאר די זומער קאלאניעס פון אידישע קינדער.

אלס רעזולטאט פון דעם באשלוס וועלן די קאלאניעס, וואו איבער 500 שוואכע אידישע קינדער פארברענגען דעם זומער, דארפן געשלאסן ווערן, אויב מען וועט ניט קאנען גרייך קריגן הילף פון אנדערע קוואלן.

—(::)—

באנדע קוזיסטן צווינגט אידישע מילנער שליסן זייערע מילן אין בוקאווינע

בוקארעסט, אווג. 3 (איטא).— פופציק קוזיסטן זיינען נעכטן באפאלן די אידישע מילן אין ניפראטוי, בוקאווינע און געצוואונגען די אייגנטימער צו שליסן די מילן.

עס איז אנגעקומען פאליציי, אבער זי האט ניט געקאנט צעטרייבן די אנטיסעמיטן. כאטש דאס מיינט, אז זיי וועלן פארלירן זייער פרנסה, האבן אבער די אידישע מילנער מורא פאר זייער לעבן און זיי האבן באשלאסן אינגאנצן אפצושטעלן די ארבעט אין די מילן.

—(::)—

"פארווערטס" און "טאג" וועלן ניט אריינגעלאזט ווערן אין רומעניע

בוקארעסט, אווג. 3 (איטא).—דאס אינערן מיניסטעריום פון רומעניע האט היינט ארויסגעגעבן א פארארדענונג, לויט וועלכער די ניו־יארקער אידישע צייטונגען "פארווערטס" און "טאג" וועלן ניט אריינגעלאזט ווערן אין רומעניע.

ס'איז שוין ניט דאס ערשטע מאל ווי די דאזיקע צייטונגען ווערן דארט פארבאטן.

—(::)—

מזל טוב

א טאכטער געבארן צו מר. און מרס. ס. באקאלינסקי, סוויט 5, באלטיק אפארטמענט. מוטער און קינד אין גוטן צושטאנד אין סט. דזשאזעפס האספיטאל.

לאנגע און ערנסטע סעסיע האט אנגעהאלטן קארגע פינף חדשים צייט

אטאווא, אווג. 4.— ארום 6 אזייגער לעצטן אוונט איז געשלאסן געווארן איינע פון די ערנסטע סעסיעס אין דער געשיכטע און וואס האט זיך פארצויגן פאר קארגע פינף חדשים צייט.

די סעסיע האט געזאלט געשלאסן ווערן נאך שבת אוונט, אבער דער קאמף וואס איז אויסגעבראכן צוליב געוויסע אפשאצונגען האט געצוואונגען פארצווען די זיצונג מאנטאג.

אויף דער לעצטער זיצונג האבן די אפשאצונגען פונם אגריקולטורעלן דעפארטמענט ארויסגערופן שארפע קריטיק מצד די ליבעראלן. דר. ט. דאנעלי, ליבעראלער דעפוטאט פון ווילא באנטש, האט קריטיקירט דעם מיניסטער פון אגריקולטור, האנ. ראבערט וועיר, דערפאר וואס ער האט ניט אנגעצייכנט קיין אגריקולטורעלע פראגראם אין אזא ערנסטן מאמענט. די קאנסערוואטיוון, האט ער געזאגט, האבן פאר די וואלן צוגעזאגט צו פארבעסערן די לאגע פונם פארמער, אבער אנשטאט דעם איז דעם פארמערס לאגע איצט געווארן א סך ערגער, און ער מוז פארקויפן זיינע פראדוקטן איצט פאר האלב פונם פרייז פון א יאר צוריק אין דער זעלבער צייט.

מר. וועיר האט געענטפערט אויף דער קריטיק, אנצייגנדיק אויף דעם וואס עס איז יא אויפגעטאן געווארן פאר'ן פארמער אונטער זיין אדמיניסטראציע.

ארום זעקס אזייגער זיינען די געשעפטן פארן הויז פארענדיגט געווארן, און די איינלאדונג פונם גאווערנאר דזשענעראל איז געקומען צו די מיטגלידער פון הויז צו דערשיינען אינם סענאט קאמער, וואו די סעסיע איז געשלאסן געווארן מיט די געוויינלאכע צערעמאניעס.

אין דער רעדע פון טראן זיינען אויסגערעכנט געווארן די וויכטיקסטע אויפטוען פון דער סעסיע און אן איבערבליק איבער דער לאגע אין לאנד איז געמאכט געווארן.

—(::)—

סענאט וועט באטראכטן באהארנוא באריכט אויף נעקסטער סעסיע

אטאווא, אווג. 3. — דער סענאט האט איינשטימיק באשלאסן אפצולייגן די באטראכטונג פונ'ם באהארנוא באריכט ביז דער נעקסטער סעסיע, ווייל די צייט ביז דער אויפלייזונג פון דער פארלאמענטארישער סעסיע איז צו קורץ.

די רעזאלוציע וואס איז אנגענומען געווארן בנוגע דעם ענין דריקט אויס די אנטריסונג פונ'ם סענאט איבער'ן סקאנדאל און זאגט צו אויסצופארשן און אנגעמען מיטלען קעגן די סענאטארן וואס וועלן געפונען ווערן שולדיק אין א פארברעכן אין פארבינדונג מיט דעם דאזיקן סקאנדאל.

—(::)—

זיבן פארוואונדעט אין עקסידענט ארום סאסקאטון

סאסקאטון, סאסק., אווג. 4.— צוריקקערנדיק זיך פון א פיקניק אין וואטראוס, סאסק., זיינען זיבן פערזאן פארוואונדעט געווארן זונטאג ביי נאכט אויפן דאנדורין טראקט, 14 מייל פון סאסקאטון, ווען דער אוטאמאביל אין וועלכן זיי זיינען געפארן האט זיך איבערגעקערט צוויי מאל, ארופפארענדיק אויף לויזן גראוול.

פינף פון די פארוואונדעטע האט מען געמוזט צונעמען אין שפיטאל, אבער מען גלויבט אז זיי זיינען אלע אויסער געפאר.

—(::)—

בריוו קאסטן

יהודה. — דער צווייטער טאג ראש־השנה, 1908, איז געווען סעפטעמבער 27טן.

א דאנק פאר די פריינטלאכע ווערטער.

דריי קאנדידאטן פאר "ביי־עלעקשאן" אין האמילטאן, אווג. 10

האמילטאן, אנט., אווג. 3.— עס איז איצט ענדגילטיק פעסטגעשטעלט אז 3 קאנדידאטן וועלן זיין אין פעלד אין דער "ביי־עלעקשאן" פארן ליידיקן פלאץ אין פעדעראלן הויז, פון האמילטאן איסט. די וואלן וועלן פארקומען אווג. 10טן.

די דריי קאנדידאטן זיינען: מ. מ. ראבינסאן, קאנסערוואטיוו: אלד. האמפרי מיטשעל, ארבעטער, און וו. ה. קאנאר, אומאפהענגיקער. קיין קאמוניסטישער קאנדידאט, ווי מען האט דערווארט, איז ניט ארויסגעשטעלט געווארן. די ליבעראלן האבן אויך ניט ארויסגעשטעלט קיין אייגענעם קאנדידאט, שטיצנדיק דעם ארבעטער.

די "ביי־עלעקשאן" איז געווען נויטיק צוליב דעם טויט פון קאל. רעני, קאנסערוואטיווער דעפוטאט פון דעם באצירק.

מר. ראבינסאן האט געעפנט זיין קאבינעט מיט א שארפער אטאקע אויף דעם ארבעטער קאנדידאט. דאס וואס די ארבעטער האבן ארויפגעבראכט וואודסווארט און היפסן צו העלפן זיי אינם קאמפיין, האט ער געזאגט, איז א סימן, אז זייער קאנדידאט האט זיך ניט אפגעזאגט פון סאציאליזם, ווי ער פרעטענדירט.

טרי ריווערס, קווע., אווג. 3.— צוויי קאנדידאטן זיינען דא נאמינירט געווארן פאר דער פעדעראלער ביי־עלעקשאן אין טרוא־ריוויער סט. מאריס, וואס וועט פארקומען אווג. 10טן. זיי זיינען שארל בורגוא, קאנס., און וו. גאסיעפי, ליב.

דאס פלאץ איז באפרייט געווארן מיטן טויט פון ארטור בעטע, ליבעראל, וועלכער איז לעצטן יאר דערוויילט געווארן מיט א מערהייט פון 3,700 איבער זיין קאנסערוואטיוון אפאנענט.

גאנדי זאגט אז אינדיע ליידעט פאר אירע זינד קעגן פאריאס

אכמעדאבאד, אינדיע, אווג. 3. — אינדיע ליידעט פאר די זינד פון די העכערע קאסטעס קעגן די זיבעציק מיליאן אומבארירבארע טמאים, די פאריאס, וועלכע מען באהאנדלט ווי אומריינע, און צוליב דעם קאן אינדיע ניט אויסקעמפן איר זעלבסטשטענדיקייט, — האט מאהאטמא גאנדי דערקלערט ביי דער פייערונג לכבוד דער עפענונג פון א נייעם הינדו טעמפל דא אין שטאט.

דער נביא פון אינדיע האט אפעלירט צו זיינע צוהערער, אז זיי זאלן ענדערן זייער באציאונג צו די פאריאס און זיי זאלן אנהויבן באהאנדלען זיי ווי גלייכע מענשן.

גאנדי האט אין זיין רעדע דערקלערט, אז ער איז טויזנט מאל מער פאראינטערעסירט אין זיין ארבעט פון א סאציאלן רעפארמער, ווי אין פאליטיק. אויב ער מישט זיך אין פאליטיק, איז עס בלויז אויף אזויפיל, אויף וויפיל דאס האט צו טאן מיט זיין סאציאלער טעטיקייט.